# דער בריוו צו די ייִדן

א נאָכדעם ווי גאָט האָט פאַרצייטן אַ סך מאָל און אויף
פאַרשידענע אופַנים גערעדט צו די אָבות דורך די נביאים, האָט 2
ער אויפן סוף פון די דאָזיקע טעג גערעדט צו אונדז דורך דעם
זון, וועמען ער האָט באַשטימט פאַר אַ יורש פון אַלצדינג, דורך
וועמען ער האָט אויך באַשאַפן די דורות. ער, וואָס איז דאָס 3
שפּיגלבילד פון זיין הערלעכקייט, און דאָס סאַמע אָפּבילד פון
זיין מהות, האַלט אויף אַלצדינג דורך דעם וואָרט פון זיין מאַכט.
בעת ער האָט געמאַכט אַ ריניקונג פאַר זינד, האָט ער זיך
אַנידערגעזעצט ביי דער רעכטער האַנט פון דער גדולה אין דער
הייך, און איז געוואָרן אויף אַזויפיל בעסער איידער די מלאָכים, 4
אַז ער האָט געירשנט אַ חשובערן שם פון זיי. וואָרים צו וועמען 5
פון די מלאָכים האָט ער ווען אַמאָל געזאָגט: דו ביסט מיין זון,
היינט האָב איך דיך געבוירן? און ווידער: איך וועל פאַר אים
זיין אַ פאָטער, און ער וועט פאַר מיר זיין אַ זון? און בעת ער 6
ברענגט דעם בכור אין דער וועלט אַריין, זאָגט ער: און זאָלן
אַלע מלאָכים פון גאָט פאַלן כורעים פאַר אים. און פונוועגן די 7
מלאָכים זאָגט ער: ער מאַכט זיינע מלאָכים פאַר ווינטן, און
זיינע באַדינערס פאַר אַ פלאַם פייער אָבער פונוועגן דעם זון 8
זאָגט ער: דיין טראָן, אָ גאָט, איז לעולם וָעֶד, און די רוט פון
יושר איז די רוט פון דיין מלוכה. האָסט ליב געהאַט צדקות, 9
און פיינט געהאַט רשעות, דעריבער האָט גאָט, דיין גאָט, דיך
געזאַלבט מיט דעם אייל פון פרייד איבער דיינע חברים. און: 10
דו, גאָט, האָסט אין אָנהייב געלייגט דעם יסוד פון דער ערד, און
די הימלען זענען די ווערק פון דיינע הענט; זיי וועלן אונטערגיין, 11
און דו וועסט באַשטיין; יאָ, זיי אַלע וועלן ווערן אַלט ווי אַ בֶּגֶד,
און ווי אַ מאַנטל וועסטו זיי צונויפוויקלען, און זיי וועלן פאַרביטן 12
ווערן. דו אָבער ביסט דער זעלביקער, און דיינע יאָרן וועלן
ניט

13 ניט אויפֿהערן. פֿונוועגן וועמען פֿון די מַלאָכים האָט ער אַמאָל
געזאָגט: זיץ בײַ מײַן רעכטער האַנט, ביז איך מאַך דײַנע פֿײַנט
14 פֿאַר אַ פֿוסבענקל צו דײַנע פֿיס? צי זענען זיי אַלע ניט קיין
באַדינענדיקע גייסטער, אַרויסגעשיקט געוואָרן צו טאָן דינסט
פֿאַר דעם ווילן פֿון די, וואָס וועלן יַרשענען די ישועה?
ב דעריבער מוזן מיר זײַן אַ סך שטאַרקער האַלטן אין דעם, וואָס
2 מיר האָבן געהערט, כּדי מיר זאָלן ניט אָפּפֿאַלן דערפֿון. וואָרים
אויב דאָס וואָרט, וואָס איז גערעדט געוואָרן דורך מַלאָכים,
איז מקוים געוואָרן, און יעדע עֲבֵירה און ווידערשפּעניקייט האָט
3 באַקומען אַ גערעכטע פֿאַרגעלטונג, וויאַזוי וועלן מיר אַנטרינען,
אויב מיר פֿאַרוואָרלאָזן אַזאַ גרויסע ישועה? זי, וואָס איז
לכַּתּחִילה גערעדט געוואָרן דורך דעם האַר, און באַשטעטיקט
4 געוואָרן פֿאַר אונדז דורך די, וואָס האָבן אים געהערט, בעת
גאָט האָט אויך עֵדות געזאָגט דורך נִסים וְנִפלָאות, און דורך
פֿאַרשידענע גבורות, און דורך מַתָּנות פֿון דעם רוח־הַקודֶש,
5 לויט זײַן אייגענעם רָצון. וואָרים ניט צו מַלאָכים האָט ער
אונטערטעניק געמאַכט די קומענדיקע וועלט, וואָס פֿון איר רעדן
6 מיר. איינער אָבער האָט ערגעץ עֵדות געזאָגט, אַזוי צו זאָגן:
וואָס איז אַ מענטש, וואָס דו טוסט אים געדענקען? און דער
7 בֶּן־אָדָם, וואָס דו טוסט זיך אומקוקן אויף אים? האָסט אים
געמאַכט אַביסל נידעריקער פֿון די מַלאָכים, און אים געקרוינט
מיט הערלעכקייט און כָּבוד, און האָסט אים געזעצט איבער
8 די ווערק פֿון דײַנע הענט; אַלצדינג האָסטו אונטערטעניק
געמאַכט אונטער זײַנע פֿיס. וואָרים מיט דעם, וואָס ער האָט
אונטערטעניק געמאַכט אַלצדינג אונטער אים, האָט ער גאָרניט
געלאָזן, וואָס איז אים ניט אונטערטעניק. דערווײַל אָבער זעען
מיר נאָך ניט, אַז אַלצדינג זאָל זײַן אונטערטעניק אונטער אים.
9 מיר זעען אָבער, יֵשוּעַן, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אַביסל
נידעריקער פֿון די מַלאָכים, פֿונוועגן די לײַדן פֿון דעם טויט, וואָס
איז געקרוינט מיט הערלעכקייט און כָּבוד, כּדי ער זאָל דורך

דעם

דעם חֶסֶד פֿון גאָט טועם זײַן דעם טויט פֿאַר אַלע מענטשן.
10 וואָרים אים, פֿאַר וועמען עס איז אַלצדינג, און דורך וועמען עס
איז אַלצדינג, האָט עס געפּאַסט מיט דעם ברענגען אַ סך זין צו
הערלעכקייט, מַשלים צו זײַן דורך עִינוּיִים דעם שַׂר פֿון זייער
11 ישועה. וואָרים סײַ דער, וואָס טוט הייליקן, און סײַ די וואָס זענען
געהייליקט, זענען אַלע פֿון איינעם; צוליב דעם שעמט ער זיך
12 ניט זיי צו רופֿן ברידער, אַזוי צו זאָגן: איך וועל דערציילן דײַן
נאָמען צו מײַנע ברידער, אין דער מיט פֿון קָהָל וועל איך דיך
13 לויבן. און ווידער: איך וועל האָפֿן צו אים. און ווידער: זע, איך
14 און די קינדער, וועמען גאָט האָט מיר געגעבן. דעריבער, אַזוי ווי
די קינדער האָבן אַ חֵלֶק אין פֿלייש און בלוט, האָט ער אויך אויף
אַן ענלעכן אופֿן אַ חֵלֶק פֿון דעם זעלבן, כּדי דורך דעם טויט זאָל
ער קענען מבַטל זײַן דעם, וואָס האָט די מאַכט פֿון דעם טויט,
15 דאָס הייסט, דעם שָׂטָן, און זאָל אויסלייזן אַלע די, וואָס זענען
דורך מורא פֿאַר דעם טויט זייער גאַנץ לעבן פֿאַרשקלאַפֿט
16 געווען. וואָרים באֶמת, ניט די מַלאָכים העלפֿט ער, נייערט
17 דעם זאָמען פֿון אַברָהמען. דעריבער איז אים אָנגעשטאַנען אין
אַלצדינג געגליכן צו זײַן צו זײַנע ברידער, כּדי ער זאָל ווערן
אַ דערבאַרעמדיקער און אַ געטרײַער כּהן־גָדול אין זאַכן, וואָס
זענען נוגע גאָט, מכַפּר צו זײַן פֿאַר די זינד פֿון דעם פֿאָלק.
18 וואָרים הֱיות ער אַליין האָט געליטן, בעת ער איז געפּרוּווט
געוואָרן, איז ער בִיכוֹלֶת צו העלפֿן די, וואָס ווערן געפּרוּווט.
ג דעריבער, הייליקע ברידער, חֲבֵירים פֿון אַ הימלישער באַרופֿונג,
באַטראַכט דעם שלִיח און כּהן־גָדול פֿון אונדזער אֱמונה, יֵשוּעַן,
2 וואָס איז געווען געטריי דעם, וואָס האָט אים באַשטימט, פּונקט
3 ווי אויך מֹשה איז געווען אין זײַן גאַנצן הויז. וואָרים ער איז
פֿאַררעכנט געוואָרן פֿאַר רָאוּי אויף מער כָּבוד ווי מֹשה, אויף
אַזויפֿיל ווי דער, וואָס בויט דאָס הויז, האָט מער כָּבוד ווי דאָס
4 הויז. (וואָרים יעדעס הויז ווערט געבויט דורך עמיצן; דער
5 אָבער, וואָס האָט אַלצדינג געבויט, איז גאָט.) און מֹשה איז

געווען

געווען געטרײַ אין זײַן גאַנצן הויז ווי אַ קנעכט, אַן עֵדות פֿון
6 יענע זאַכן, וואָס האָבן געדאַרפֿט שפּעטער גערעדט ווערן, מָשִׁיחַ
אָבער, ווי אַ זון איבער זײַן הויז; און מיר זענען זײַן הויז, אויב
מיר האַלטן פֿעסט דעם בטָחון און דאָס רימען זיך פֿון אונדזער
7 האָפֿענונג ביז דעם סוף. דעריבער, אַזוי ווי דער רוח־הַקודש
8 זאָגט: הײַנט, אויב איר וועט הערן זײַן קול, פֿאַרעקשנט ניט
אײַערע הערצער, ווי אין מְריבָה, אַזוי ווי אין דעם טאָג פֿון מַסָה
9 אין דער מִדבר, וואו אײַערע אָבות האָבן מיך געפּרוּווט דורך
10 נסיונות, און האָבן געזען מײַנע מַעשׂים פֿערציק יאָר. דעריבער
האָב איך געצערנט אויף דעם דאָזיקן דור, און האָב געזאָגט: זיי
זענען זיך תָּמיד טועה אינם האַרץ, און מײַנע וועגן קענען זיי ניט,
11 ווי איך האָב געשוואוירן אין מײַן צאָרן: זיי וועלן ניט אַרײַנקומען
12 אין מײַן מנוחה. גיט אַכטונג, ברידער, טאָמער וועט זיך מאַכן
בײַ עמיצן פֿון אײַך אַ בייז האַרץ פֿון אומגלויבן, אין אָפּפֿאַלן פֿון
13 דעם לעבעדיקן גאָט; נײַערט וואָרנט אײנער דעם אַנדערן יעדן
טאָג, כָּל־זמַן עס הייסט נאָך הײַנט, כּדי קײנער פֿון אײַך זאָל ניט
14 פֿאַרהאַרטעוועט ווערן דורך דער אָפּנאַרערײַ פֿון זינד. וואָרים
מיר זענען געוואָרן טײַלנעמער פֿון מָשִׁיחַן, אויב מיר האַלטן
15 שטאַרק דעם אָנהייב פֿון אונדזער בטָחון ביז דעם סוף. בעת סע
ווערט געזאָגט: הײַנט, אויב איר וועט הערן זײַן קול, פֿאַרעקשנט
16 ניט אײַערע הערצער, ווי אין מְריבָה. וואָרים ווער זענען עס
די, וואָס האָבן געהערט, און האָבן געקריגט? צי האָבן ניט די
17 אַלע, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען פֿון מִצרַיִם דורך משהן? און
קעגן וועמען האָט ער געצערנט פֿערציק יאָר? איז עס ניט געווען
מיט די, וואָס האָבן געזינדיקט, וועמעס לײַבער זענען געפֿאַלן אין
18 דער מִדבר? און צו וועמען האָט ער געשוואוירן, אַז זיי זאָלן ניט
אַרײַנקומען אין זײַן מנוחה, אויב ניט צו די, וואָס זענען געווען
19 ווידערשפּעניק? און מיר זעען, אַז זיי זענען ניט געווען בִּיכוֹלת
אַרײַנצוקומען, מַחמת זיי האָבן ניט געגלייבט.
ד דעריבער, כָּל־זמַן סע בלײַבט די הַבטָחה אַרײַנצוקומען אין
זײַן

זיין מנוחה, לאָמיר מורא האָבן, טאָמער וועט עמיצער פּון
2 אייך זיך פאַרזאַמען. וואָרים די בשורה טובה איז אויך אונדז
אָנגעזאָגט געוואָרן, פּונקט ווי צו זיי; אָבער דאָס וואָרט פון
דער הערונג האָט זיי ניט גענוצט, מַחמת עס איז ניט געווען
3 באַהעפט דורך אֱמונה מיט די, וואָס האָבן געהערט. וואָרים
מיר, וואָס האָבן געגלויבט, קומען אַריין אין יענער מנוחה, אַזוי ווי
ער האָט געזאָגט: ווי איך האָב געשוואוירן אין מיין צאָרן: זיי
וועלן ניט אַרייַנקומען אין מיין מנוחה, הַגַם זיינע ווערק זענען
4 געווען פאַרענדיקט זינד די שֵשת־ימי־בראשית. וואָרים ער האָט
געזאָגט ערגעץ ווו פּונוועגן דעם זיבעטן טאָג אויף אַזאַ אופן:
און גאָט האָט גערוט אין דעם זיבעטן טאָג פּון אַלע זיינע ווירק;
5 און אָט דאָ זאָגט ער ווידער: זיי וועלן ניט אַרייַנקומען אין מיין
6 מנוחה. בכֵן, אַזוי ווי סע בלייבט פאַר עטלעכע אַרייַנצוקומען,
און די, וואָס האָבן פריער אָנגענומען די בשורהטובה, האָבן
7 פאַרפעלט אַרייַנצוקומען, מַחמת ווידערשפּעניקייט, טוט ער
ווידער אַמאָל באַשטימען אַ געוויסן טאָג, אַ הייַנט, ווי ער זאָגט
דורך דָוִדן, נאָך אַ לאַנגער צייט, לויט ווי עס איז פריער געזאָגט
געוואָרן: הייַנט, אויב איר וועט הערן זיין קול, פאַרעַקשנט
8 ניט אייערע הערצער. וואָרים אויב יהושע וואָלט זיי געגעבן
מנוחה, וואָלט ער שפּעטער ניט געווען גערעדט פון אַן אַנדערן
9 טאָג. עס פאַרבלייַבט דעריבער אַ מנוחַת־שַבת פאַר גאָטס
10 פאָלק; וואָרים דער, וואָס איז אַרייַנגעקומען אין זיין מנוחה, האָט
אַליין אויך גערוט פון זיינע ווערק, ווי גאָט האָט געטאָן פון
11 זיינע. לאָמיר זיך דעריבער מִיען אַרייַנצוקומען אין יענער מנוחה,
כדי קיינער זאָל נאָך דעם זעלבן בייַשפּיל ניט פאַלן פּונוועגן
12 ווידערשפּעניקייט. וואָרים דאָס וואָרט פון גאָט איז לעבעדיק,
און ווירקעוודיק, און איז שאַרפער איידער יעדע צוויי־שאַרפיקע
שווערד, און דורכשטעכט אַפילו ביז דער אָפּשיידונג פון נֶפש
און גייסט, סיי פון קנעכלעך און מאַרך, און איז פלינק צו דערזען
13 די מַחשָבות און דֵעות פון דעם האַרץ. און עס איז ניטאָ קיין

באַשעפעניש, וואָס ווערט ניט אַנטפּלעקט פאַר אים; נייערט
אַלע זאַכן זענען נאַקעט און ליגן אָפן פאַר די אויגן פון אים, מיט
14 וועמען מיר האָבן צו טאָן. בכן, ווייל מיר האָבן אַ דערהויבענעם
כּהן־גָדול, וואָס איז דורכגעגאַנגען דורך די הימלען, יֵשוּעַ, דעם
בֶּן־אֱלֹהִים, לאָמיר דעריבער האַלטן פעסט אונדזער אֱמונה.
15 וואָרים מיר האָבן ניט קיין כּהן־גָדול, וואָס קאָן ניט מיטפילן
מיט אונדזערע שוואַכקייטן, נייערט איינעם, וואָס איז אין אַלצדינג
16 געפרואווט געוואָרן גלייך ווי מיר זענען, דאָך אָן זינד. לאָמיר
זשע גענעענען מיט בטָחון צו דעם כּסֵא־הַחֶסֶד, כּדי מיר זאָלן
מקַבּל זיין רַחמָנות, און זאָלן געפינען חֶסֶד צו העלפן אונדז אין אַן
עֵת־צָרה.

ה וואָרים יעדער כּהן־גָדול, וואָס ווערט גענומען פון צווישן
מענטשן, ווערט באַשטימט פאַר מענטשן אין זאַכן, וואָס זענען
שַייך גאָט, כּדי ער זאָל קענען מַקריב זיין מִנחות און זבָחים
2 פאַר זינד. און ער קאָן מיטפילן מיט די אומוויסנדיקע און
פאַרפירטע, מַחמת דעם, וואָס ער אַליין איז אויך אַרומגערינגלט
3 מיט שלאַפקייט, און צוליב דער דאָזיקער סִבּה איז ער מחויב,
סיי פאַר דעם פאָלק, אַזוי אויך פאַר זיך אַליין, מַקריב צו זיין
4 פאַר זינד. און קיינער נעמט זיך ניט דעם כָּבוד אַליין, נייערט
5 ווען ער ווערט באַרופן פון גאָט, אַזוי ווי אַהרֹן איז געווען. אַזוי
האָט זיך אויך מָשִיחַ אַליין ניט פאַרהערלעכט, כּדי צו ווערן אַ
כּהן־גָדול, נייערט דער, וואָס האָט צו אים געזאָגט: דו בּיסט
6 מיין זון, היינט האָב איך דיך געבוירן; ווי ער זאָגט אויך אויף
אַן אַנדערן פּלאַץ: דו בּיסט אַ כּהן אויף אייבּיק לויט דעם
7 סֵדר פון מַלכּי־צֶדֶק, וואָס אין די טעג פון זיין פליש, האָט ער
געגעענט תּפִילות און תַּחנונים מיט גרויס געשריי און טרערן צו
דעם, וואָס איז געווען בִּיכוֹלת אים מַציל צו זיין פון טויט, און
8 ער איז דערהערט געוואָרן פאַר זיין ייראַת־שמים. און הַגַם ער
איז געווען אַ זון, דאָך האָט ער געלערנט אונטערטעניקייט דורך
9 די זאַכן, וואָס ער האָט געליטן; און נאָכדעם ווי ער איז געוואָרן

שלימותדיק

שלימותדיק, איז ער געוואָרן די סיבה פון אַן אייביקער ישועה
פאַר אַלע, וואָס געהאָרכן אים, און איז באַרופן געוואָרן פון גאָט 10
פאַר אַ כהן־גדול, לויט דעם סדר פון מלכי־צדק. פונוועגן דעם 11
האָבן מיר אַ סך צו רעדן, און עס איז שווער צו דערקלערן, ווייל
איך זע, איר זענט געוואָרן טעמפּ צו הערן. וואָרים אין משך 12
פון דער צייט וואָלט איר באַדאַרפט זיין לערער, נייטיקט איר
אייך ווידער אַמאָל, אַז עמיצער זאָל אייך לערנען די יסודות פון
די ערשטע עיקרים פון די נבואות פון גאָט, און זענט געוואָרן
אַזעלכע, וואָס נייטיקן זיך אין מילך, און ניט אין פעסטער שפּייז.
וואָרים יעדער איינער, וואָס נעמט מילך, האָט ניט קיין מבינות 13
אין דעם וואָרט פון רעכטפאַרטיקייט, וואָרים ער איז אַן עופעלע.
פעסטע שפּייז אָבער איז פאַר דערוואַקסענע, פאַר יענע, וואָס 14
צוליב דעם שטענדיקן געברויך, האָבן צוגעוואוינט זייערע חושים
צו אונטערשיידן צווישן גוטס און שלעכטס.
בכן, לאָמיר איבערלאָזן די לערנונג פון די ערשטע עיקרים ו
פונוועגן משיחן, און גיין ווייטער צו דער שלימות; לאָמיר ניט
לייגן נאָכאַמאָל אַ יסוד פונוועגן תשובה פון טויטע מעשים, און
פונוועגן אמונה צו גאָט, פונוועגן דער לערנונג פון טבילות, און 2
פונוועגן סמיכת־ידים און פונוועגן תחית־המתים, און פונוועגן
אייביקן משפּט. און דאָס דאָזיקע וועלן מיר טאָן, אם־ירצה־ 3
השם. וואָרים בנוגע יענע, וואָס זענען איינמאָל אויפגעקלערט 4
געוואָרן און האָבן טועם געווען פון דער הימלישער מתּנה, און
זענען געוואָרן טיילנעמער פון דעם רוח־הקודש, און האָבן טועם 5
געווען די גוטסקייט פון דעם וואָרט פון גאָט, און די כוחות
פון עולם־הבא, און זענען אָפּגעפאַלן, אַזעלכע איז אוממעגלעך 6
ווידער מחדש צו זיין צו תשובה, בעת מיר זעען, זיי קרייציקן
פאַר זיך דעם בן־אלהים איבעראַניים, און שטעלן אים אָפן
אַרויס צו בזיון. וואָרים די ערד, וואָס טרינקט דעם רעגן, וואָס 7
קומט אָפט דערויף, און ברענגט אַרויס קרייַטעכצער, וואָס טויגן
פאַר די, פאַר וועמעס־וועגן זי איז אויך באַאַקערט געוואָרן,

8 באַקומט אַ בּרָכה פֿון גאָט. נאָר אויב זי טראָגט דערנער און
שטעכערס, ווערט זי פֿאַרוואָרפֿן און איז נאָענט צו אַ קללָה;
9 און איר סוף איז פֿאַרברענט צו ווערן. מיר אָבער, באַליבטע,
זענען פֿאַרזיכערט אויף בעסערע זאַכן פֿונוועגן אייך, און זאַכן
10 וואָס באַגלייטן אַ ישועה, הגם מיר רעדן אַזוי. וואָרים גאָט
איז ניט אומגערעכט, צו פֿאַרגעסן אייערע מַעשׂים און די ליבע,
וואָס איר האָט אַרויסגעוויזן צו זיין נאָמען, מיט דעם, וואָס איר
11 האָט געדינט די הייליקע, און דינט זיי נאָך אַלץ. און מיר
באַגערן, אַז יעדער איינער פֿון אייך זאָל אַרויסווייַזן די זעלבע
12 פֿלײַסיקייט צו דער פֿולקייט פֿון בּטָחון ביז צו דעם סוף, כּדי
איר זאָלט ניט זיין פֿויל, נייערט נאָכטוערס פֿון די, וואָס דורך
13 אֱמונה און געדולדיקייט יַרשענען זיי די הַבטָחות. וואָרים בעת
גאָט האָט אַברָהמען געגעבן די הַבטָחה, האָט ער, מַחמת ער
האָט ניט געקאָנט שווערן ביי קיין גרעסערן, געשוואוירן ביי
14 זיך אַליין, אַזוי צו זאָגן: בענטשן וועל איך דיך בענטשן, און
15 מערן וועל איך דיך מערן. און אַזוי, ווייל ער האָט געדולדיק
16 דערטראָגן, האָט ער געיַרשנט די הַבטָחה. וואָרים מענטשן
שווערן ביי דעם גרעסערן, און אין יעדן סִיכסוך זייערן איז די
17 שבועה דער סוף פֿון אַ באַשטעטיקונג. צוליב דעם האָט
גאָט, בעת ער האָט בּדֵעה געהאַט צו ווייזן די יורשים פֿון דער
הַבטָחה נאָך אַ סַך מערער די אומפֿאַרענדערלעכקייט פֿון זיין
18 עֵצה, האָט ער זי גאַראַנטירט מיט אַ שבועה, כּדי דורך צוויי
אומפֿאַרענדערלעכע זאָכן, אין וועלכע עס איז אוממעגלעך פֿאַר
גאָט צו זאָגן ליגן, זאָלן מיר, וואָס זענען אַנטרונען פֿאַר רעטונג,
האָבן אַ שטאַרקערע דערמוטיקונג אָנצוהאַלטן זיך אין דער
19 האָפֿענונג, וואָס איז אָנגעברייט געוואָרן פֿאַר אונדז. און דאָס
האָבן מיר ווי אַן אַנקער פֿאַר דער נשָמה, אַ האָפֿענונג, וואָס איז
זיכער און שטאַנדהאַפֿטיק, און וואָס גייט אַריין אין דעם, וואָס
20 איז דרינען אין דעם פָּרוֹכֶת, וואוהין יֵשוּעַ איז אַרײַנגעגאַנגען ווי
אַ פֿאָרלויפֿער פֿון אונדזערטוועגן, און איז געוואָרן אַ כֹּהן־גָדול
אויף

אויף אייביק לויט דעם סֵדר פֿון מַלכּי־צֶדֶק.
ז וואָרים דער דאָזיקער מַלכּי־צֶדֶק, מֶלך פֿון שָלֵם, אַ כֹּהן פֿון דעם
אֵל־עֶליון, וואָס איז מקַבל־פָּנים געווען אַבְרָהמען, בעת ער האָט
זיך אומגעקערט פֿון שלאָגן די מלָכים, און האָט אים געבענטשט,
2 וועמען אויך אַבְרָהם האָט אָפּגעשיידט פֿון אַלץ מַעשׂר, ווייל ער
איז קודם־כָּל, דורך אַ דערקלערונג, מֶלך פֿון רעכטפֿאַרטיקייט,
3 און דערנאָך אויך מֶלך פֿון שָלֵם, וואָס מיינט, מֶלך פֿון פֿרידן, אָן
פֿאָטער, אָן מוטער, אָן יִחוס, וואָס האָט אויך ניט קיין אָנהייב פֿון
טעג, אויך ניט קיין סוף פֿון לעבן, נייערט איז געמאַכט געוואָרן
ענלעך צו דעם בֶּן־אֱלֹהִים; ער פֿאַרבלײַבט אַ כֹּהן אויף אייביק.
4 היינט באַטראַכט ווי גרויס דער דאָזיקער מענטש איז געווען,
וואָס אים האָט אַבְרָהם־אָבינו געגעבן מַעשׂר פֿון דעם מִלחָמָה־
5 געווינסט. און די, פֿאַרוואָר, פֿון די בְּנֵי־לֵוִי, וואָס אַרבן די כּהונה,
האָבן אַ חוק לויט דער תּורה צו נעמען מַעשׂר פֿון דעם פֿאָלק,
דאָס מיינט, פֿון זייערע ברידער, הַגַם זיי זענען אַרויסגעקומען
6 פֿון די לענדען פֿון אַבְרָהמען. דער אָבער, וואָס זיין יִחוס ווערט
ניט גערעכנט פֿון זיי, האָט גענומען מַעשׂר פֿון אַבְרָהמען, און
7 האָט געבענטשט דעם, וואָס האָט געהאַט די הַבטָחות. אָבער
אָן חִילוּקי־דֵעות, דער מינדערער ווערט געבענטשט פֿון דעם
8 גרעסערן. און דאָ, מענטשן, וואָס שטאַרבן, זענען מקַבל מַעשׂר,
דאָרטן אָבער איינער, אויף וועמען סע ווערט עֵדות געזאָגט,
9 אַז ער לעבט. און, אַזוי צו זאָגן, דורך אַבְרָהמען האָט אַפילו
10 לֵוִי, וואָס איז מקַבל מַעשׂר, געגעבן מַעשׂר, וואָרים ער איז
נאָך געווען אין די לענדן פֿון זיין פֿאָטער, בעת מַלכּיצֶדֶק איז
11 אים מקַבל־פָּנים געווען. היינט, אויב סע וואָלט געווען שלֵימות
דורך דער כּהונה פֿון די בְּנֵי־לֵוִי (וואָרים אונטער איר האָט
דאָס פֿאָלק מקַבל געווען די תּורה), צוליב וואָס איז נאָך נייטיק
געווען, אַז סאָזאָל אויפֿשטיין אַן אַנדערער כֹּהן לויט דעם סֵדר
פֿון מַלכּי־צֶדֶק, און ניט גערעכנט צו ווערן לויט דעם סֵדר פֿון
12 אַהרֹנען? וואָרים אויב די כּהונה ווערט פֿאַרענדערט, דעמאָלט
איז

איז אויך נייטיק, אַז אַן ענדערונג זאָל געמאַכט ווערן אין דער
13 תּוֹרה. ווארים דער, אויף וועמען די דאָזיקע זאַכן ווערן געזאָגט,
געהערט צו אַן אַנדערן שֵׁבֶט, פֿון וועלכן קיינער האָט ניט געטאָן
14 קיין עֲבוֹדה בּיים מִזבֵּחַ. ווארים עס איז קלאָר, אַז אונדזער
האַר האָט אַרויסגעשפּראָצט פֿון יהוּדה, וואָס צו דעם שֵׁבֶט
15 האָט משֶׁה גאָרניט גערעדט בּנוֹגֵעַ כֹּהֲנים. און דאָס ווערט
נאָך קלאָרער, אויב סע שטייט אויף אַן אַנדערער כֹּהן, ענלעך
16 צו מַלכּי־צֶדֶק, וואָס איז גמאַכט געוואָרן, ניט נאָך דעם חוֹק פֿון
אַ בָּשָׂר־וָדָם, נייערט נאָך דער גבוּרה פֿון אַן אָנסוֹפֿיקן לעבן;
17 ווארים סע ווערט עֵדוּת געזאָגט פֿונוועגן אים: דו בּיסט אַ
18 כֹּהן אויף אייבּיק לויט דעם סֵדר פֿון מַלכּי־צֶדֶק. צוליב דעם,
וואָס אַ פֿריערדיק געבּאָט ווערט אָפּגעטאָן, מַחמת פֿונוועגן זיין
19 שלאַפֿקייט און אוּמנוּצלעכקייט, (ווארים די תּוֹרה האָט גאָרניט
שלמוּתדיק געמאַכט); און דעריבּער ווערט אַריינגעבּראַכט אַ
20 בּעסערע האָפֿענוּנג, וואָס דוּרך איר גענענען מיר צו גאָט. און
21 הֱיוֹת ער איז עס ניט געוואָרן אָן אַ שבוּעה, - ווארים זיי זענען
געמאַכט געוואָרן כֹּהֲנים אָן אַ שבוּעה, ער אָבּער מיט אַ שבוּעה
דוּרך דעם, וואָס זאָגט פֿונוועגן אים: גאָט האָט געשווארן, און
22 ער וועט ניט חָרטה האָבּן, דו בּיסט אַ כֹּהן אויף אייבּיק. אַזוי
23 איז אויך ישוּעַ געוואָרן די עָרבוּת פֿון אַ בּעסערן בּוּנד. און זיי
זענען געמאַכט געוואָרן פֿאַר אַ סַך כֹּהֲנים, מַחמת וואָס דוּרך
24 דעם טויט זענען זיי געשטערט צו פֿאַרבּלייַבּן; ער אָבּער, מַחמת
ער בּאַשטייט אויף אייבּיק, האָט זיין כּהוּנה אוּמפֿאַרענדערלעך.
25 דעריבּער איז ער אויך אין אַלץ בִּיכוֹלת מַציל צו זיין די, וואָס
גענענען דוּרך אים צו גאָט, מַחמת ער לעבּט אייבּיק, כּדי זיך
26 מִשתַּדל צו זיין פֿאַר זיי. ווארים פֿאַר אונדז האָט זיך געפּאַסט
אַזאַ כֹּהן־גָדוֹל, וואָס איז הייליק, אוּמשוּלדיק, תָּמים, אָפּגעשיידט
27 פֿון זינדיקע, און דערהויבּן איבּער די הימלען; וואָס דאַרף ניט, ווי
יענע כֹּהֲנים־גדוֹלים, מַקריב זיין יעדן טאָג קָרבָּנוֹת, רֵאשִׁית פֿאַר
זיינע אייגענע זינד, און דערנאָך פֿאַר די זינד פֿון דעם פֿאָלק;

ווארים

וואָרים דאָס האָט ער געטאָן איין מאָל פֿאַר אַלעמאָל, בעת ער
28 האָט זיך אַליין מַקריב געווען. וואָרים די תּורה שטעלט אויף
מענטשן פֿאַר כּהנים־גדולים, וואָס האָבן שוואַכקייטן, אָבער
דאָס וואָרט פֿון דער שבֿועה, וואָס איז געקומען נאָך דער תּורה,
שטעלט אויף אַ זון, וואָס איז שלימותדיק אויף אייביק.
ח און דער עיקר פֿון דעם, וואָס מיר זאָגן, איז אָט־דאָס: מיר האָבן
אַזאַ כּהן־גָדול, וואָס האָט זיך אַנידערגעזעצט בײַ דער רעכטער
2 זײַט פֿון דעם כּסא־הַכָּבוד אין די הימלען, אַ דינער פֿון דעם
מִקדש, און פֿון דעם אֶמֶתן מִשכּן, וואָס דער שם־המפֿורש האָט
3 אויפֿגעשטעלט, און ניט קיין מענטש. וואָרים יעדער כּהן־גָדול
ווערט באַשטימט מַקריב צו זײַן מִנחות און זבָחים; דעריבער איז
סע נייטיק, אַז אויך דער דאָזיקער כּהן־גָדול זאָל האָבן עפּעס
4 מַקריב צו זײַן. דעריבער, אויב ער וואָלט געווען אויף דער
ערד, וואָלט ער בִּכלַל ניט געווען קיין כּהן, מַחמת עס זענען
5 פֿאַראַנען יענע, וואָס זענען מַקריב קָרבָּנות עַל־פּי הַתּורה. זיי
דינען דאָס, וואָס איז אַן אָפּבילד און אַ שאָטן פֿון די הימלישע
זאַכן, אַזוי ווי משה איז באַפֿוילן געוואָרן פֿון גאָט, בעת ער האָט
געהאַלטן אין מאַכן דאָס מִשכּן. וואָרים זע, זאָגט ער, אַז דו
זאָלסט אַלצדינג מאַכן לויט דער געשטאַלט, וואָס איז דיר געוויזן
6 געוואָרן אויף דעם באַרג. אַצינד אָבער האָט ער דערגרייכט אַ
מער דערהויבענערע עבֿודה מיט דעם, וואָס ער איז אויך דער
מֵליץ פֿון אַ בעסערן בונד, וואָס איז אויפֿגעשטעלט געוואָרן אויף
7 בעסערע הַבטָחות. וואָרים אויב יענער ערשטער בונד וואָלט
געווען אָן אַ חסָרון, דעמאָלט וואָלט מען ניט געזוכט קיין סִיבּה
8 פֿאַר אַ צווייטן. וואָרים בעת ער מוסרט זיי, זאָגט ער: זע,
די טעג קומען, זאָגט גאָט, און איך וועל שליסן אַ נײַעם בונד
9 מיט דעם בית־ישׂראל און מיט דעם בית־יהודה, ניט לויט דעם
בונד, וואָס איך האָב געמאַכט מיט זייערע אָבֿות אין דעם טאָג,
ווען איך האָב זיי אָנגענומען בײַ דער האַנט, זיי אַרויסצופֿירן
פֿון דעם לאַנד מִצרַיִם; וואָרים זיי זענען ניט געבליבן אין מײַן

10 בונד, און איך האָב זיי ניט געאַכטעט, זאָגט גאָט. וואָרים דאָס
איז דער בונד, וואָס איך וועל מאַכן מיט דעם בית־ישׂראל נאָך
יענע טעג, זאָגט גאָט: איך וועל אַרײַנגעבן מײַן תּורה אין זייער
פֿאַרשטאַנד, און אויף זייער האַרץ וועל איך זי אויפֿשרײַבן; און
11 איך וועל זײַן זייער גאָט, און זיי וועלן זײַן מײַן פֿאָלק. און זיי וועלן
ניט לערנען איטלעכער זײַן חבֿר, און איטלעכער זײַן ברודער,
אַזוי צו זאָגן: קענט גאָט; וואָרים אַלע וועלן מיך קענען, פֿון דעם
12 קלענסטן ביז דעם גרעסטן פֿון זיי. וואָרים איך וועל מוחל זײַן
13 זייער זינד. און זייער חטא וועל איך מער ניט געדענקען. מיט
דעם, וואָס ער זאָגט: אַ נייעם בונד, האָט ער דעם ערשטן אַלט
געמאַכט; און דאָס, וואָס ווערט אַלט און באַיאָרנט, איז נאָענט
צום פֿאַרשווינדן.

ט און אַפֿילו דער ערשטער בונד האָט אויך געהאַט דינים פֿון
עבֿודה, און זײַן מקדש איז געווען פֿון דער דאָזיקער וועלט.
2 וואָרים עס איז געווען אָנגעברייט אַ משכּן, דאָס ערשטע, וואָס
אין אים איז געווען די מנורה, און דער שולחן, און דאָס לחם־
3 הפּנים; און גערופֿן האָט מען עס מקום־קדוש. און הינטער דעם
צווייטן פּרוכת דאָס משכּן, וואָס ווערט אָנגערופֿן קדשי־קדשים;
4 וואָס האָט געהאַט אַ גילדענעם מזבח פֿאַר קטורת און דעם
אָרון־הבּרית, באַדעקט אַרום און אַרום מיט גאָלד, וואָס אין אים
איז געווען אַ גילדענער קרוג מיט דעם מן דערינען, און אַהרנס
5 שטעקן, וואָס האָט געבליט, און די לוחות־הבּרית; און איבער
אים די כּרובֿי־הכּבֿוד, וואָס האָבן באַשאָטנט דאָס כּפּורת; פֿון
6 די דאָזיקע זאַכן קענען מיר אַצינד ניט רעדן באַזונדער. און
נאָכדעם, ווי די דאָזיקע זאַכן זענען געווען אַזוי אָנגעברייט, גייען
די כּהנים כּסדר אַרײַן אין דעם ערשטן משכּן צו טאָן די עבֿודות;
7 אין דעם צווייטן אָבער, דער כּהן־גדול אַליין, איינמאָל אין דעם
יאָר, ניט אָן בלוט, וואָס ער איז מקריבֿ פֿאַר זיך, און פֿאַר די
8 שגגות פֿון דעם פֿאָלק. מיט דעם צייכנט דער רוח־הקודש אָן,
אַז דער וועג צום קדשי־קדשים איז נאָך ניט געווען אַנטפּלעקט,

כּל־זמן

9 כָּל־זמַן דער ערשטער מִשכּן איז נאָך געשטאַנען. דאָס איז
אַ מָשל פֿאַר דער הײַנטיקער צײַט; לויט אים איז מען מַקריב
מִנחות און זבָחים, וואָס קענען ניט מַשלים זײַן, וואָס איז שַייך
10 דאָס געוויסן פֿון דעם, וואָס טוט די עֲבודה, ווײַל זיי זענען בלויז
חוקים פֿונוועגן שפּײַזן און געטראַנקען און פֿאַרשידענע טבִילות
פֿון דעם פֿלייש, אַרויפֿגעלייגט ביז צו אַ צײַט פֿון תּיקון העולָם.
11 אָבער מָשיחַ, נאָכדעם ווי ער האָט זיך באַוויזן אַ כֹּהן־גָדול פֿון
די גוטע קומענדיקע זאַכן, איז דורך דעם גרעסערן און מער
שלֵימותדיקן מִשכּן, וואָס איז ניט געמאַכט געוואָרן מיט קיין
12 הענט, דאָס הייסט, ניט פֿון דעם דאָזיקן באַשאַף, אויך ניט
אַפֿילו דורך דעם בלוט פֿון בעך און קעלבער, נייערט דורך זײַן
אייגענעם בלוט, איז אַרײַנגעגאַנגען איין מאָל פֿאַר אַלעמאָל אין
דעם מָקום־קָדוש אַרײַן, און האָט דערגרייכט אייביקע גאולה.
13 וואָרים אויב דאָס בלוט פֿון בעך און אָקסן, און דאָס אַש פֿון
אַ קאַלב, וואָס איז געשפּרענגט געוואָרן אויף די, וואָס זענען
געווען טָמא, האָט געהייליקט צו דער ריינקייט פֿון דעם פֿלייש,
14 אויף וויפֿל מער וועט דאָס בלוט פֿון מָשיחַן, וואָס האָט דורך
דעם אייביקן גייסט זיך מַקריב געווען אָן אַ מום צו גאָט, רייניקן
אייער געוויסן פֿון טויטע מַעשׂים, צו דינען דעם לעבעדיקן גאָט?
15 צוליב דער דאָזיקער סִיבה איז ער דער מֵליץ פֿון אַ נייעם בונד,
כּדי אַ טויט, וואָס איז געשען פֿונוועגן דער אויסלייזונג פֿון די
עֲבֵירות, וואָס זענען געווען אונטער דעם ערשטן בונד, זאָלן די,
וואָס זענען באַרופֿן געוואָרן, מקַבל זײַן די הַבטָחה פֿון דער
16 אייביקן ירושה. וואָרים וווּ עס איז פֿאַראַן אַ צַוואָה, דאָרט מוז
17 זײַן נייטיק דער טויט פֿון דעם, וואָס האָט זי געמאַכט. וואָרים
אַ צַוואָה איז אין קראַפֿט, וווּ עס איז געווען אַ טויט; וואָרים
זי האָט ניט קיין האַפֿט כָּל־זמַן דער, וואָס האָט זי געמאַכט,
18 לעבט. דעריבער איז אויך דער ערשטער בונד ניט געהייליקט
19 געוואָרן אָן בלוט. וואָרים נאָכדעם ווי יעדע מִצוָה איז דורך
מֹשהן גערעדט געוואָרן עַל־פּי הַתּורה צום גאַנצן פֿאָלק, האָט

ער גענומען דאָס בלוט פֿון קעלבער און בעק, מיט וואַסער און
פּורפּורוואָל און אֵזוֹב, און האָט באַשפּרענגט סיי דאָס סֵפֿר און
20 סיי דאָס גאַנצע פֿאָלק, אַזוי צו זאָגן: דאָס איז דאָס בלוט פֿון
21 דעם בונד, וואָס גאָט האָט אייך געבאָטן. הוצדעם האָט ער דאָס
מִשכּן און די אַלע כֵּלים פֿון דער עֲבוֹדה געשפּרענגט מיט דעם
22 בלוט אויף אַן ענלעכן אופֿן. און לויט דער תּוֹרה, ווערט כּמַעט
אַלצדינג געריניקט מיט בלוט, און אָן פֿאַרגיסונג פֿון בלוט איז
23 ניטאָ קיין פֿאַרגעבונג. עס איז דעריבער נייטיק געווען, אַז די
אָפּבילדער פֿון די הימלישע זאַכן זאָלן אַזוי געריניקט ווערן,
אָבער די הימלישע זאַכן גופֿא מיט בעסערע קָרבָּנות, איידער
24 די דאָזיקע. וואָרים מָשיחַ איז ניט אַרייַנגעגאַנגען אין אַ מִקדש,
וואָס איז געמאַכט געוואָרן מיט הענט, געגליכן אין געשטאַלט צו
דעם אֶמֶתן, נייערט אין הימל אַריין גופֿא, צו ווייזן זיך אַצינד פֿון
25 אונדזערטוועגן פֿאַר גאָט; און דאָס ניט כּדי ער זאָל זיך אַליין
אָפּט מַקריב זיין, ווי דער כֹּהן־גָדול גייט אַרייַן פֿון יאָר צו יאָר
26 אין דעם קָדשי־קָדשים מיט בלוט, ניט זיין אייגנס; אַניט וואָלט
ער אָפּט געמוזט ליידן זינט שת־ימי־בראשית. אַצינד אָבער איז
ער אויפֿן סוף פֿון די צייטן איין מאָל אַנטפּלעקט געוואָרן, צו
27 בטל מאַכן די זינד דורך דעם קָרבן פֿון זיך אַליין. און אַזוי ווי
עס איז באַשטימט פֿאַר די בני־אדם איין מאָל צו שטאַרבן, און
28 נאָכדעם קומט מִשפּט, אַזוי וועט אויך מָשיחַ, נאָכדעם ווי ער
איז איין מאָל מַקריב געוואָרן צו טראָגן די זינד פֿון דעם רַבּים,
באַווייזן זיך אַ צווייט מאָל אָן זינד, פֿאַר דער ישועה פֿון די, וואָס
וואַרטן אויף אים.

י וואָרים די תּוֹרה, ווייל זי האָט נאָר אַ שאָטן פֿון די קומענדיקע
גוטע זאַכן, און ניט דאָס אָפּבילד פֿון די זאַכן גופֿא, איז קיינמאָל
ניט בִיכוֹלת מיט די זעלבע קָרבָּנות, וואָס זיי זענען כּסדר מַקריב
2 יאָר נאָך יאָר, שלֵמותדיק צו מאַכן די, וואָס גענענען. אַניט,
וואָלט מען דען זיי ניט אויפֿגעהערט מַקריב צו זיין? מַחמת די,
וואָס דינען, נאָכדעם ווי זיי זענען איין מאָל געריניקט געוואָרן,

וואלטן

3 וואָלטן מער ניט געהאַט דאָס באַוואוסטזיין פֿון זינד. אין יענע
4 קרבנות אָבער איז אַלע יאָר פֿאַראַן אַ זכר פֿון זינד. וואָרים
עס איז ניט מעגלעך, אַז דאָס בלוט פֿון אָקסן און בעק זאָל
5 אַוועקנעמען זינד. בכן, בעת ער קומט אין דער וועלט אַריין,
זאָגט ער: זבח און מנחה האָסטו ניט באַגערט, נייערט אָ גוף
6 האָסטו צוגעגרייט פֿאַר מיר. עולה און חטאה האָסטו ניט
7 פֿאַרלאַנגט. דעריבער האָב איך געזאָגט: זע, איך בין געקומען,
אין דער מגילה פֿון דעם ספֿר שטייט געשריבן וועגן מיר, צו טאָן
8 דיין רצון, מיין גאָט. בעת ער זאָגט אויבן: זבח און מנחה, עולה
און חטאה האָסטו ניט געוואָלט, אויך האָסטו דערין ניט געהאַט
קיין וווילגעפֿעלן, (וואָס מען איז זיי מקריב על־פּי התורה),
9 דעמאָלט האָט ער געזאָגט: זע, איך בין געקומען, צו טאָן דיין
רצון. ער שאַפֿט אָפּ דאָס ערשטע, כּדי ער זאָל באַפֿעסטיקן
10 דאָס צווייטע. דורך דעם דאָזיקן רצון זענען מיר געהייליקט
געוואָרן דורך דעם מקריב זיין פֿון דעם גוף פֿון ישוע המשיח
11 איין מאָל פֿאַר אַלעמאָל. און יעדער כּהן שטייט טאָג־טעגלעך
צו טאָן די עבֿודה און מקריב צו זיין די זעלביקע קרבנות, וואָס
12 קאָנען קיינמאָל ניט אַוועקנעמען די זינד; ער אָבער, נאָכדעם ווי
ער האָט מקריב געווען איין קרבן פֿאַר זינד אויף אייביק, האָט
13 זיך אַנידערגעזעצט ביי דער רעכטער האַנט פֿון גאָט, און וואַרט
פֿון דעמאָלט אָן, ביז זיינע שונאים וועלן געמאַכט ווערן דאָס
14 פֿוסבענקל פֿון זיינע פֿיס. וואָרים דורך איין קרבן האָט ער אויף
אייביק שלמותדיק געמאַכט די, וואָס זענען געהייליקט געוואָרן.
15 און דער רוח־הקודש זאָגט אונדז אויך עדות; וואָרים נאָכדעם ווי
16 ער האָט געזאָגט: דאָס איז דער בונד, וואָס איך וועל מאַכן מיט
זיי נאָך יענע טעג, זאָגט גאָט: איך וועל אַריינגעבן מיין תּורה אין
זייער פֿאַרשטאַנד, און אויף זייער האַרץ וועל איך זי אויפֿשרייבן.
17, 18 און זייערע עוונות און חטאָים וועל איך מער ניט געדענקען און
וווּ עס איז פֿאַראַן פֿאַרגעבונג פֿון די דאָזיקע, דאָרט איז מער
19 ניטאָ קיין קרבן פֿאַר זינד. דעריבער, ברידער, ווייל מיר האָבן
בטחון

בטָחון אַרײַנצוקומען אין מָקום־קָדוש דורך דעם בלוט פֿון יֵשוּעַן,
20 דורך דעם נײַעם און לעבעדיקן װעג, װאָס ער האָט געהײליקט
פֿאַר אונדז דורך דעם פָּרוֹכֶת, דאָס הײסט, דורך זײַן לײַב;
21 און װײַל מיר האָבן אַ כֹּהן־גָדול איבער דעם הױז פֿון גאָט,
22 לאָמיר גענענען מיט אַן אױפֿריכטיק האַרץ אין דער גאַנצקײט
פֿון אֶמוּנה, כּדי אונדזערע הערצער זאָלן זײַן באַשפּרענגט און
פֿרײַ פֿון אַ בײז געװיסן, און אונדזערע לײַבער זאָלן געװאַשן
23 װערן מיט רײן װאַסער; לאָמיר זיך האַלטן פֿעסט אין דער
אָפֿענער באַקענונג פֿון אונדזער האָפֿענונג, כּדי זי זאָל זיך ניט
24 טרײסלען, װאָרים געטרײַ איז דער, װאָס האָט מַבטיחַ געװען; און
לאָמיר טראַכטן צו דערװעקן אײנער דעם אַנדערן צו ליבע און
25 מַעשׂים־טוֹבים, און ניט פֿאַרלאָזן אונדזער אײגן אײַנזאַמלען זיך
אינאײנעם, װי עס איז בײַ עטלעכע דער מִנהג, נײערט לאָמיר
מַזהיר זײַן אײנער דעם אַנדערן, און אַ סך מער צוליב דעם, װײַל
26 איר זעט, אַז דער טאָג זיך דערנענטערט. װאָרים אױב מיר
זינדיקן בכִּיװן, נאָכדעם װי מיר האָבן מקַבּל געװען דאָס װיסן פֿון
דעם אֶמת, דעמאָלט פֿאַרבלײַבט ניט מער קײן קָרבן פֿאַר זינד,
27 נײערט אַ מוֹרָאדיק דערװאַרטן פֿון מִשפּט, און אַ געפֿערלעך
28 פֿײַער, װאָס װעט פֿאַרצערן די װידערשפּעניקע. דער, װאָס איז
עוֹבר תּוֹרת־מֹשה, װערט אָן דערבאַרעמונג געטײט אױף דעם
29 װאָרט פֿון צװײ אָדער דרײַ עֵדות; הײנט, װאָסער האַרבערע
שטראָף, מײנט איר, איז װערט דער, װאָס האָט געטרעטן מיט די
פֿיס דעם בֶּן־אֱלֹהִים, און האָט מחַלֵל געװען דאָס בלוט פֿון דעם
בונד, מיט װאָס ער איז געהײליקט געװאָרן, און געלעסטערט
30 דעם גײסט פֿון חֶסֶד? װאָרים מיר קענען אים, װאָס האָט
געזאָגט: צו מיר געהערט די נקָמה, איך װעל פֿאַרגעלטן.
31 און װידער אַמאָל: גאָט װעט מִשפּטן זײַן פֿאָלק. עס איז אַ
מוֹרָאדיקע זאַך אַרײַנצופֿאַלן אין די הענט פֿון דעם לעבעדיקן
32 גאָט. דערמאָנט אײַך אָבער די פֿריערדיקע טעג, אין װעלכע
איר זענט באַלױכטן געװאָרן, און איר האָט דערטראָגן אַ שװערן
קאמף

33 קאַמף פֿון עִנוּיִים, טיילווײַז, ווײַל איר זענט געוואָרן אַ שוישפּיל
דורך חרפּות און צָרות, און טיילווײַז, ווײַל איר זענט געוואָרן
34 טיילנעמער מיט די, וואָס זענען אַזוי באַהאַנדלט געוואָרן. וואָרים
איר האָט געהאַט רַחמָנות אויף די, וואָס זענען געווען אין קייטן,
און האָט אָנגענומען מיט פֿרייד די באַרויבונג פֿון אייער האָב
און גוטס, ווײַל איר ווייסט, אַז איר האָט אַ גרעסער פֿאַרמעגן,
35 און אַ באַשטענדיקס. פֿאַרוואַרפֿט דעריבער ניט אייער בִּטָחון,
36 וואָס האָט אַ גרויסע פֿאַרגעלטונג. וואָרים איר נייטיקט זיך
אין געדולד, כּדי נאָכדעם ווי איר וועט האָבן געטאָן דעם רָצון
37 פֿון גאָט, זאָלט איר מקַבּל זײַן די הַבטָחה. וואָרים נאָך אַ
גאַנץ קליינע רֶגע וועט קומען דער, וואָס קומט, און וועט ניט
38 פֿאַרזאַמען. און מײַן צדיק וועט לעבן דורך אֱמונה; און אויב
ער ציט זיך צוריק, האָט מײַן נשָמה ניט קיין וואוילגעפֿעלן אין
39 אים. מיר זענען אָבער ניט פֿון די, וואָס ציִען זיך צוריק צו
פֿאַרדאַרבונג, נייערט פֿון די, וואָס האָבן אֱמונה מַציל צו זײַן
זייער נשָמה.

יא און אֱמונה איז אַ פֿאַרזיכערונג פֿון זאַכן, אויף וועלכע מע האָפֿט,
2 אַן איבערצייגונג פֿון זאַכן, וואָס ווערן ניט געזען. וואָרים דערין
האָבן די זקֵנים באַקומען אַן עֵדות, וואָס איז זיי געגעבן געוואָרן.
3 דורך אֱמונה פֿאַרשטייען מיר, אַז די וועלטן זענען באַשאַפֿן
געוואָרן דורך דעם וואָרט פֿון גאָט, אַזוי, אַז וואָס סע ווערט
געזען, איז ניט געמאַכט געוואָרן פֿון זאַכן, וואָס שײַנען צו זײַן.
4 דורך אֱמונה האָט הֶבֶל מַקריב געווען צו גאָט אַ סך אַ בעסערן
קָרבן ווי קַיִן, דורך וועלכן ער האָט באַקומען אַן עֵדות, אַז ער
איז אַ צַדיק, מַחמת גאָט האָט עֵדות געזאָגט אין שײַכות מיט
זײַנע מִנחות; און דורך אים, הַגם ער איז טויט, טוט ער נאָך
5 אַלץ רעדן. דורך אֱמונה איז חנוך אַוועקגענומען געוואָרן, כּדי
ער זאָל ניט זען דעם טויט; און ער איז ניט געפֿונען געוואָרן,
מַחמת גאָט האָט אים אַוועקגענומען. וואָרים איידער ער איז
אַוועקגענומען געוואָרן, האָט ער באַקומען דאָס עֵדות, אַז ער

6 איז װאױלגעפֿעלן געװאָרן פֿאַר גאָט. און אָן אֶמונה איז ניט
מעגלעך װאױלגעפֿעלן צו װערן פֿאַר אים; װאָרים דער, װאָס
גענעענט פֿאַר גאָט, מוז גלײבן, אַז ער עקסיסטירט, און אַז ער
7 איז אַ פֿאַרגעלטער פֿון די, װאָס זוכן אים. דורך אֶמונה האָט נֹחַ,
נאָכדעם װי ער איז געװאָרנט געװאָרן פֿון גאָט בנוגע זאַכן, װאָס
מע האָט נאָך ניט געזען, מיט יִראַת־שמים געבױט אַ תֵּבָה, מַציל
צו זײַן זײַן הױז; דורך דעם האָט ער פֿאַרמִשפּט די װעלט, און
8 איז געװאָרן אַ יורש פֿון דער צִדקות, װאָס איז פֿון אֶמונה. דורך
אֶמונה האָט אַבֿרָהם געפֿאָלגט, בעת ער איז גערופֿן געװאָרן
אַרױסצוגײן צו אַן אָרט, װאָס ער האָט באַדאַרפֿט באַקומען
פֿאַר אַ ירושה; און ער איז אַרױסגעגאַנגען, הַגם ער האָט ניט
9 געװוּסט װוּהין ער איז געגאַנגען. דורך אֶמונה איז ער געװאָרן
אַ גֵר אין דעם לאַנד פֿון דער הַבטָחה, װי אין אַ לאַנד, װאָס
איז ניט זײַנס, און האָט געװױנט אין געצעלטן מיט יִצחָקן און
10 יַעקבֿן, די יורשים מיט אים פֿון דער זעלבער הַבטָחה; װאָרים
ער האָט געװאַרט אױף דער שטאָט, װאָס האָט יסודות, װאָס
11 איר אַרכיטעקט און בױמײַנסטער איז גאָט. דורך אֶמונה האָט
אַפֿילו שָׂרָה אַלײן געקריגן כּוח טראָגעדיק צו װערן, הַגם זי
איז שױן געװען אַריבער דער צײַט, װײַל זי האָט געהאַלטן פֿאַר
12 געטרײ דעם, װאָס האָט מַבטִיחַ געװען. דעריבער איז אױך
אַרױסגעקומען פֿון אײנעם, און דער, אַזױ גוט װי געשטאָרבן,
אַזױפֿיל װי די שטערן פֿון הימל, און װי דאָס זאַמד בײַם ברעג
13 יַם, ניט צום צײלן. די אַלע זענען געשטאָרבן אין אֶמונה, הַגם
זײ האָבן ניט מקבל געװען די הַבטָחות, נאָר האָבן זײ געזען
און זײ באַגריסט פֿון דערװײַטנס, און האָבן מודה געװען, אַז זײ
14 זענען גֵרים און פֿאַרשיקטע אױף דער ערד. װאָרים די, װאָס
רעדן אױף אַזאַ אופֿן, מאַכן קלאָר, אַז זײ זוכן אַן אײגן לאַנד.
15 און װאָלטן זײ געװען געטראַכט פֿון יענעם לאַנד, פֿון װעלכן
זײ זענען אַרױסגעגאַנגען, װאָלטן זײ געהאַט אַ געלעגנהײט זיך
16 אומצוקערן. אַצינד אָבער באַגערן זײ אַ בעסער לאַנד, דאָס

הייסט, אַ הימליש. דעריבער שעמט זיך ניט גאָט מיט זיי, גערופֿן
צו ווערן זייער גאָט; וואָרים ער האָט פֿאַר זיי אָנגעברייט אַ
17 שטאָט. דורך אֶמונה האָט אַבְרָהָם, בעת ער איז געפּרואווט
געוואָרן, געבראכט יצחָקן צו דער עֲקֵדָה; און ער, וואָס האָט
מקַבל געווען די הַבטָחות, איז געווען גרייט מַקריב צו זיין זיין
18 בֶּן־יָחִיד; צו וועמען סע איז געזאָגט געוואָרן: אין יִצחָקן זאָל
19 דיין זאָמען גערופֿן ווערן, ווייל ער האָט געקלערט, אַז גאָט איז
בִּיכולת אים אויפֿצוּוועקן אַפֿילו פֿון די טויטע, פֿונוואַנען ער
20 האָט אים אויך בדֶרֶך מָשל צוריק באַקומען. דורך אֶמונה האָט
יִצחָק געבענטשט יַעקבן און עֵשָׂון, אַפֿילו בנוגע זאַכן, וואָס האָבן
21 געדאַרפֿט געשען. דורך אֶמונה האָט יַעקב, ביים שטאַרבן
געבענטשט יעדן פֿון יוספֿס זין, און האָט זיך געבוקט אויף דעם
22 קאָפּ פֿון זיין שטעקן. דורך אֶמונה האָט יוסף, בעת זיין סוף
איז געווען נאָענט, דערמאָנט פֿונוועגן דעם יְצִיאַת־מִצרַיִם פֿון
23 די בנֵי־יִשׂרָאל, און האָט באַפֿוילן בנוגע זיינע ביינער. דורך
אֶמונה איז משה, נאָכדעם ווי ער איז געבוירן געוואָרן, געווען
פֿאַרבאָרגן פֿון זיינע עלטערן דריי חֳדָשים, וואָרים זיי האָבן
געזען, אַז ער איז אַ שיין קינד; און זיי האָבן ניט מורא געהאַט
24 פֿאַר דעם מֶלֶכס באַפֿעל. דורך אֶמונה האָט משה, בעת ער
איז אויסגעוואַקסן, זיך אָפּגעזאָגט גערופֿן צו ווערן דער זון פֿון
25 פַּרעֹהס טאָכטער, און האָט ליבער אויסדערוויילט צו ליידן מיט
דעם פֿאָלק פֿון גאָט, איידער הַנָאה צו האָבן אויף אַ צייט
26 פֿון תַּענוּגים פֿון זינד, מַחמת ער האָט פֿאַררעכנט די חַרפּה
פֿון מָשִׁיחַן פֿאַר אַ גרעסער עֲשִׁירות איידער די אוצרות פֿון
27 מִצרַיִם; וואָרים ער האָט פֿאָראויסגעזען דעם שׂכַר. דורך אֶמונה
האָט ער פֿאַרלאָזן מִצרַיִם, און ניט מורא געהאַט פֿאַר דעם
גרימצאָרן פֿון דעם מֶלך; וואָרים ער האָט דערטראָגן, ווי ער
28 וואָלט געזען אים, וועמעס פָּנים מע קען ניט זען. דורך אֶמונה
האָט ער געהאַלטן פֵּסח, און דאָס שפּרענגען פֿון דעם בלוט,
29 כּדי דער מַשחִית פֿון די בכורים זאָל זיי ניט אָנרירן. דורך
אמונה

אָמונה זענען זיי דורכגעגאַנגען דעם יַם־סוף ווי דורך יַבָּשה;
וואָס די מִצרים, בעת זיי האָבן דאָס געפּרואווט צו טאָן, זענען
30 זיי דערטרונקען געוואָרן. דורך אָמונה זענען די מויערן פֿון
יְריחו אײַנגעפֿאַלן, נאָכדעם ווי זיי זענען אַרומגערינגלט געוואָרן
31 זיבן טעג. דורך אָמונה איז רָחָב־הַזונה ניט אומגעקומען מיט
די, וואָס זענען געווען ווידערשפּעניק, ווײַל זי האָט אויפֿגענומען
32 די מְרַגלִים בשָלום. און וואָס נאָך זאָל איך זאָגן? וואָרים סע
וועט מיר אויספֿעלן צייט, אויב איך וועל דערציילן פֿון גִדעונען,
בָּרָקן, שִמשונען, יִפתָּחן, פֿון דָוִדן און שמואֵלן און די נבִיאים, –
33 וואָס האָבן דורך אָמונה אונטערטעניק געמאַכט מלוכות, האָבן
געטאָן צדקות, האָבן מקַבל געווען הַבטָחות, האָבן פֿאַרשטאָפּט
34 די מײַלער פֿון לײבן, האָבן פֿאַרלאָשן די קראַפֿט פֿון פֿייער,
זענען אַנטרונען די שאַרף פֿון דער שווערד, פֿון שוואַכקייט
זענען זיי געמאַכט געוואָרן שטאַרק, זענען געוואָרן גיבורים
35 אין מִלחָמה, האָבן פֿאַריאָגט פֿרעמדע חַיָלות. ווײַבער האָבן
באַקומען זייערע טויטע דורך תּחִיַת־הַמֵתים; און אַנדערע זענען
געפּײַניקט געוואָרן, און האָבן ניט אָנגענומען זייער אויסלייזונג,
36 כּדי זיי זאָלן זוכה זײַן אַ בעסער תּחִיַת־הַמֵתים. אַנדערע האָבן
איבערגעטראָגן שפּאָט און מַלקות, און אַפֿילו קייטן און תּפִיסה.
37 זיי זענען פֿאַרשטיינט געוואָרן, זיי האָבן אויסגעשטאַנען נסיונות,
זיי זענען פֿונאַנדער־געזעגט געוואָרן, זיי זענען געטייט געוואָרן
מיט דער שווערד; זיי זענען אַרומגעגאַנגען אין שאָפֿנפֿעלן
און ציגנפֿעלן, זיי זענען געווען פֿאַרלאָזן, געפּײַניקט, שלעכט
38 באַהאַנדלט – וואָס די וועלט איז זיי ניט ווערט געווען – זיי האָבן
געוואָגלט אין מִדבָּריות און בערג, און אין היילן און לעכער פֿון
39 דער ערד. און די אַלע, הַגם זיי האָבן געהאַט דאָס עֵדות, וואָס
איז זיי געגעבן געוואָרן דורך אָמונה, האָבן ניט מקַבל געווען די
40 הַבטָחה, ווײַל גאָט האָט אָנגעברייט עפּעס אַ בעסערע זאַך פֿון
אונדזערטוועגן, כּדי אָן אונדז זאָלן זיי ניט ווערן שלֵימותדיק.
יב דעריבער, ווײַל מיר זענען אַרומגערינגלט מיט אַזאַ גרויסן

וואלקן

וואָלקן עֵדוּת, לאָמיר אַוועקלייגן יעדע מַשׂאָ, און די זינד, וואָס
באַהעפט זיך צו אונדז, און לאָמיר לויפן מיט געדולדיקייט דעם
2 וועטלויף, וואָס ליגט פאַר אונדז, און קוקן אויף יֵשוּעַן, דעם ראֹש
און מַשלים פון אונדזער אֶמוּנה, וואָס צוליב דער שִׂמחה, וואָס
איז געווען אָנגעברייט פאַר אים, האָט ער דערטראָגן דעם צלָב,
האָט פאַראָפּשײַט די חַרפּה, און האָט זיך אַנידערגעזעצט בײַ
3 דער רעכטער האַנט פון דעם כִּסא־אֱלֹהִים. וואָרים באַטראַכט
אים, וואָס האָט דערטראָגן אַזאַ סתִירה פון זינדיקע קעגן זיך, כּדי
איר זאָלט ניט ווערן מיד און אָפּגעשוואַכט אין אײַערע נשָמות.
4 איר האָט זיך נאָך ניט אנטקעגנגעשטעלט ביז בלוט אין דעם
5 קאַמף קעגן זינד, און איר האָט פאַרגעסן די וואָרענונג, וואָס טוט
אײַנטַענהן מיט אײַך ווי מיט קינדער: מײַן זון, האַלט ניט גרינג
דעם מוסר פון גאָט, פאַל בײַ זיך ניט אַראָפּ, בעת דו ווערסט
6 פון אים געמוסרט; וואָרים וועמען גאָט האָט ליב, דעם מוסרט
7 ער, און שמײַסט יעדן זון, וועמען ער איז מקַבל. עס איז צוליב
דעם מוסר, וואָס איר דערטראָגט; גאָט פירט זיך אויף מיט אײַך
ווי מיט זין; וואָרים וואָסער זון איז עס, וועמען זײַן פאָטער טוט
8 ניט מוסרן? אויב אָבער איר ווערט ניט געמוסרט, וואָס אין דעם
זענען אַלע טיילנעמער, דעמאָלט זענט איר מַמזֵרים, און ניט קיין
9 זין. נאָך מער, מיר האָבן געהאַט לײַבלעכע פאָטערס אונדז צו
מוסרן, און מיר האָבן זיי אָפּגעגעבן כָּבוד; צי זאָלן מיר ניט אַ
סך ליבער אונטערטעניק זײַן צו דעם פאָטער פון די גײַסטער, און
10 לעבן? וואָרים זיי האָבן אונדז געמוסרט אויף אַ קורצער צײַט,
לויט ווי זיי האָבן עס געהאַלטן פאַר נייטיק, ער אָבער טוט עס
פאַר אונדזער נוצן־וועגן, כּדי מיר זאָלן זײַן טיילנעמער פון זײַן
11 הייליקייט. יעדער מוסר זעט אויס, בעת ער קומט אויף אונדז,
צו זײַן ניט דערפרייענדיק, נייערט טרויעריק; דאָך שפּעטער
טראָגט זי פרידלעכע פּירות פון רעכטפאַרטיקייט פאַר די, וואָס
12 לערנען זיך עפּעס דערפון אָפּ. בכֵן, הייבט אויף די הענט, די
13 שלאַפע, און שטאַרקט די מידע קני, און מאַכט גלײַכע שטעגן
פאַר

פֿאַר אײַערע פֿיס, כּדי דער לאָמער זאָל ניט אָפּקערן פֿון וועג,
14 נײַערט זאָל ליבער געהײלט ווערן. יאָגט זיך נאָך שָלום מיט
אַלע מענטשן, און דער הײליקונג, אָן וועלכער קײנער וועט ניט
15 זען דעם האַר. און גיט אַכטונג, אַז קײנער זאָל ניט געמינערט
ווערן אין דעם חֶסֶד פֿון גאָט, און אַז סע זאָל ניט אויפֿשפּראָצן
אַ וואָרצל פֿון ביטערקײט און אײַך באַשווערן, און דורכדעם
16 מטַמא מאַכן דעם רַבּים; אַז קײנער זאָל ניט זײַן קײן נואף, אָדער
אַן אומווערדיקער מענטש ווי עֵשָׂו, וואָס האָט פֿאַר אַ געקעכץ
17 פֿאַרקױפֿט זײַן בּכורה. וואָרים איר װײסט, אַז בעת ער האָט
שפּעטער שוין באַגערט צו אַרבן די בּרָכה, איז ער פֿאַרוואָרפֿן
געוואָרן; וואָרים ער האָט שוין ניט געפֿונען קײן תּשובה, הַגַם ער
18 האָט זי געזוכט מיט טרערן. וואָרים איר זענט ניט געקומען צו
קײן באַרג, וואָס מע קאָן אָנרירן, און וואָס ברענט מיט פֿײַער, און
19 צו שוואַרצקײט, און חַשכות און שטורעמווינט, און דעם שאַלן פֿון
אַ שופֿר, און דעם קול פֿון רײד, וואָס די, וואָס האָבן געהערט,
20 האָבן געבעטן, אַז מע זאָל צו זײ מער ניט רעדן. וואָרים זײ האָבן
ניט געקאָנט דערטראָגן דאָס, וואָס איז געבאָטן געוואָרן: אויב
אַפֿילו אַ בּהֵמה רירט אָן דעם באַרג, זאָל מען זי פֿאַרשטײנען.
21 און די זעאונג איז געווען אַזוי מורֶאדיק, אַז משה האָט געזאָגט:
22 איך האָב זײער מורא און ציטער. נאָר איר זענט געקומען צום
באַרג צִיון, און צו דער שטאָט פֿון דעם לעבעדיקן גאָט, דעם
23 הימלישן ירושָלַיִם, און צו אומצײליקע חַיָלות מַלאָכים, צו דער
כּנֶסֶת־הַגדולה און קהִילה פֿון די בּכורים, וואָס זענען פֿאַרשריבן
אין הימל, און צו גאָט, דעם שופֿט פֿון אַלע, און צו די גײַסטער
24 פֿון צַדיקים גמורים, און צו יֵשועַן, דעם מֵליץ פֿון אַ נײַעם בּונד,
און צו דעם בלוט פֿון שפּרענגען, וואָס רעדט פֿון עפּעס בעסערס,
25 ווי דאָס בלוט פֿון הֶבלען. זעט, אַז איר זאָלט זיך ניט אָפּזאָגן
פֿון דעם, וואָס רעדט. וואָרים אויב זײ זענען ניט אַנטרונען, בעת
זײ האָבן זיך אָפּגעזאָגט פֿון דעם, וואָס האָט זײ מַזהיר געווען
אויף דער ערד, אַ סך מער וועלן מיר ניט אַנטרונען, אויב מיר
קערן

26 קערן אָף פוּן דעם, וואָס טוּט מַזהיר זיין פוּן הימל, וועמעס קוֹל
האָט אַמאָל געמאַכט ציטערן די ערד. אַצינד אָבער האָט ער
מַבטִיחַ געווען, אַזוי צוּ זאָגן: איך וועל נאָכאַמאָל מאַכן ציטערן
27 ניט נאָר די ערד, נייערט אויך דעם הימל. אוּן דאָס דאָזיקע
וואָרט: נאָכאַמאָל, באַצייכנט דאָס איבערשטעלן פוּן יענע זאַכן,
וואָס טרייסלען זיך, ווי זאַכן, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן, כּדי
28 דאָס, וואָס טרייסלט זיך ניט, זאָל פאַרבלייַבן. בּכֵן, ווייל מיר
זענען מקַבּל אַ מַלכות, וואָס קאָן זיך ניט טרייסלען, לאָמיר
זיין דאַנקבּאַר, אוּן דינען מיט וואוילגעפעלן פאַר גאָט, מיט
29 פאָרכטיקייט אוּן פַּחד; וואָרים אוּנדזער גאָט איז אַ פאַרצערנדיק
פייער.
יג, 2 זאָל די בּרידערלעכע ליבּע באַשטיין. פאַרגעסט ניט די
הַכנָסַת־אוֹרחים; וואָרים דוּרך דעם האָבּן עטלעכע, ניט וויסנדיק,
3 מַכנים־אוֹרַח געווען מַלאָכים. געדענקט די, וואָס זענען אין קייטן,
ווי געבּוּנדן מיט זיי; אוּן די, וואָס ווערן שלעכט בּאַהאַנדלט,
4 ווייל איר אַליין זענט אויך אין דעם גוּף. זאָל דאָס חַתוּנה
האָבּן געהאַלטן ווערן בּכָבוד צווישן אַלע, אוּן זאָל דאָס בּעט
ניט מטַמא ווערן; וואָרים די צעלאָזענע אוּן נוֹאפים וועט גאָט
5 מִשפּטן. זייט פריי פוּן דער ליבּע צוּ געלט, אוּן זייט צוּפרידן מיט
דעם, וואָס איר האָט; וואָרים ער אַליין האָט געזאָגט: איך וועל
דיך בּאֵין־אוֹפן ניט פאַרוואַרפן, איך וועל דיך אויך בּאֵין־אוֹפן ניט
6 פאַרלאָזן. אַזוי, אַז מיט פריילעכן בּטָחון זאָגן מיר: השם־יתברך
איז מיין העלפער, איך וועל ניט מוֹרא האָבּן; וואָס קאָן אַ
7 מענטש מיר טאָן? געדענקט אייערע מַנהִיגים, וואָס האָבּן צוּ
אייך גערעדט דאָס וואָרט פוּן גאָט; בּאַטראַכט דעם תַּכלית פוּן
8 זייער לעבּן, אוּן מאַכט נאָך זייער אֶמוּנה. יֵשוּעַ הַמָשִיחַ איז
9 דער זעלבּער נעכטן, אוּן היינט, וּלעוֹלמי עוֹלמים. לאָזט זיך ניט
פאַרפירן דוּרך פאַרשידענע אוּן פרעמדע לערנוּנגען; וואָרים עס
איז גוּט, אַז דאָס האַרץ זאָל בּאַפעסטיקט ווערן דוּרך חֶסֶד, ניט
דוּרך מַאכָלים, פוּן וואָס די, וואָס האָבּן זיך פאַרנוּמען מיט דעם,
האאבן

10 האָבן ניט געהאַט קיין געווינס. מיר האָבן אַ מִזבֵּחַ, פֿון וואָס די,
11 וואָס באַדינען דעם מִשכּן, האָבן ניט קיין רעכט צו עסן. וואָרים
די לײַבער פֿון יענע בהֵמות, וועמעס בלוט סע ווערט געבראַכט
אין מָקום־קָדוש אַריין דורך דעם כֹּהן־גָדול ווי אַ קָרבּן פֿאַר
12 זינד, ווערן פֿאַרבּרענט מחוץ־לַמַחנה. איבערדעם האָט אויך
יֵשוּעַ געליטן אויסער דעם טויער, כּדי ער זאָל הייליקן דאָס
13 פֿאָלק דורך זיין אייגן בלוט. לאָמיר דעריבער אַרויסגיין צו אים
14 מחוץ־לַמַחנה צו טראָגן זיין חֶרפּה. וואָרים דאָ האָבן מיר ניט
קיין פֿאַרבּלײַבנדיקע שטאָט, נייערט מיר זוכן די שטאָט, וואָס
15 דאַרף ערשט קומען. בּכֵן, לאָמיר דורך אים תָּמיד מַקריב זיין
אַ קָרבּן פֿון לויב צו גאָט, דאָס הייסט, די פּרוכט פֿון לעפּצן,
16 וואָס זענען מודה צו זיין נאָמען. פֿאַרגעסט אָבער ניט צו טאָן
גוטס, און זיך צו טיילן מיט אַנדערע, וואָרים אַזעלכע קָרבָּנות
17 ווערן וואוילגעפֿעלן פֿאַר גאָט. געהאָרכט אייערע מַנהִיגים, און
זייט זיי אונטערטעניק, וואָרים זיי וואַכן איבער אייערע נשָמות,
ווי די, וואָס וועלן דאַרפֿן אָפּגעבן חֶשבּון, כּדי זיי זאָלן דאָס
טאָן מיט פֿרייד, און ניט מיט צַער; וואָרים דאָס וואָלט געווען
18 פֿאַר אייך אָן נוצן. זייט מִתפַּלֵל פֿאַר אונדז; וואָרים מיר זענען
איבערצייגט, אַז מיר האָבן אַ גוט געוויסן, ווייל מיר באַגערן צו
19 לעבן ערלעך אין אַלצדינג. און איך בעט אייך נאָך אַ סך מערער
דאָס צו טאָן, כּדי איך זאָל צו אייך וואָס גיכער צוריקגעגעבן
20 ווערן. און דער גאָט פֿון שָלום, וואָס האָט צוריקגעבראַכט פֿון
די טויטע אונדזער האַר יֵשוּעַ, דעם גרויסן פּאַסטעך פֿון די שאָף,
21 דורך דעם בלוט פֿון דעם אייביקן בּונד, זאָל אייך מאַכן תָּמים
אין יעדער גוטער זאַך צו טאָן זיין רָצון, בעת ער ווירקט אין
אייך דאָס, וואָס איז וואוילגעפֿעליק פֿאַר אים דורך יֵשוּעַ הַמָשִיחַ,
22 צו וועמען סע זאָל זיין דער כָּבוד לעולמי עולמים. אָמֵן. און
איך בעט אייך, ברידער, אַז איר זאָלט אָננעמען דאָס דאָזיקע
23 מוסר־וואָרט; וואָרים איך האָב אייך געשריבן בקִיצור. זייט
וויסן, אַז אונדזער ברודער טימאָטעאוס איז באַפֿרייט געוואָרן;

24 מיט אים, אויב ער וועט בּקָרוב קוּמען, וועל איך אייך זען. גריסט
אַלע אייערע מַנהִיגים, אוּן אַלע הייליקע. די פוּן איטאַליע גריסן
25 אייך. דער חֶסֶד זאָל זיין מיט אייך אַלע. אָמֵן.